פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# הילפבארע סערוויסעס פאר דרוק און אנגעצויגנקייט דורכאויס אייער פעדיעטריק סטעם צעל טראנספלאנט

די אינפארמאציע ערקלערט די סערוויסעס אוועילעבל ביי Memorial Sloan Kettering (MSK) אייך צו העלפן קאנטראלירן דרוק און אנגעצויגנקייט דורכאויס אייער סטעם צעל טראנספלאנט. אין דעם וועגווייזער, גייט די ווארט "איר" ארויף אויף אייך אדער אייער קינד.

עס קען זיין זייער אנגעצויגן צו האבן נייע באהאנדלונגען און דארפן פארבלייבן אין אייער צימער פאר לאנגע צייט אפשניטן. מענטשן וועלכע גייען דורך א סטעם צעל טראנספלאנט האבן אונז געזאגט אז זיי שפירן זיך לאנגווייליג אין זייער צימער וויבאלד עס איז נישט דא וואס צו טון. אנדערע האבן געזאגט אז זיי זענען מיד פון שפירן קראנק, קענען נישט ווארטן אהיימצוגיין, אדער שפירן זיך אנגעצויגן אדער אנידערגעשלאגן. אלע די געפילן זענען נארמאל.

עס קען זיין הילפבאר צו רעדן מיט מיטגלידער פון אייער באהאנדלונג טיעם איבער וויאזוי איר שפירט זיך. איר קענט אייביג רעדן מיט אייער נורסעס און דאקטורים. עס איז אויך דא א טיעם פון ספעציעליזירטע דאקטורים אוועילעבל צו העלפן אייך און אייער פאמיליע דורכצומאכן די שווערע צייט. די דאקטורים ארבעטן נאנט מיט אייער סטעם צעל

טראנספלאנט טיעם צו מאכן זיכער אז איר און אייער פאמיליע האבן אלע הילף וואס זיי דארפן.

## פסיכאלאגיע סערוויסעס

די פסיכאלאגיע שטאב גרופע באשטייט פון פסיכיאטער און פסיכאלאגן. זיי זענען גרייט ארויסצוהעלפן אייך און אייער פאמיליע קאנטראלירן די דרוק און אנגעצויגנקייט פאראורזאכט דורך באהאנדלונג און די לאנגע צייט פון דארפן פארבלייבן אין שפיטאל. זיי קענען העלפן דורך זיך צוהערן צו אייך, אייך געבן געצייג צו קאנטראלירן דרוק און אנגעצויגנקייט, און פארשרייבן מעדיצין ווען נויטיג. מיר באטראכטן זיי אלס א וויכטיגע טייל פון די טראנספלאנט שטאב גרופע און בעטן זיי זיך צו טרעפן מיט אלע פאציענטן אין פאמיליעס דורכאויס זייער אינפאציענט צייט אין שפיטאל.

## סאושעל ווארקערס

א סאושעל ווארקער ווערט צוגעטיילט צו יעדע פעדיעטריק טראנספלאנט פאציענט צו געבן קאונסעלינג, אינפארמאציע, און הילף דורכאויס באהאנדלונג. אייער סאושעל ווארקער קען אייך פירן צו הילפסמיטלען וועלכע קענען אייך העלפן סיי עמאציאנעל און פינאנציעל דורכאויס אייער טראנספלאנט.

## טשיילד לייף סערוויסעס

טשיילד לייף ספעציאליסטן זענען עקספערטן וועלכע פארשטייען מענטשליכע וואוקס און אנטוויקלונג טרענירט צו מאכן אייער שפיטאל איבערגאנג ווי גרינג מעגליך. זיי שלאגן פאר אן אויסוואל פון אקטיוויטעטן ביים בעט וועלכע זענען צוגעפאסט צו די יארגאנג.

טשײלד לײף ספּעציעליסטן קענען אײך העלפֿן זיך אויסצולערנען זיך אײנגעוואוינען און זיך ספּראַווען מיט די שווערע אַריבערגאַנג.

## לערערינס

MSK שטעלט צו אַ לערנען פּראָגראַם אָנגעפירט דורך לערערינס וועלכע זענען באַשטעטיגט דורך די ניו יאָרק סיטי באָורד אָוו עדיוקעישאַן. די פּראָגראַם שטעלט צו שולע ערפאַרונגען פאַר עלעמענטאַרי, מיטל שולע, און הויך שולע סטודענטן וועלכע זענען בײַ MSK פאַר לאַנגע צײַט אָפּשניטן. פּאַציאַנטן קענען נעמען ניו יאָרק סטעיט סטענדערײַזט טעסטס, אַרײַנגערעכנט די NYS רידזשענטס טעסטס. זײ קענען אויך העלפֿן מיט קאָלעדזש אַפּליקאַציעס און גראַדויאַציע פּאַרלאַנגען.

## גײַסטיגע באַהאַנדלונג

212-639-5982

MSK שלאָגט פאַר די סערוויסעס פון קאַטוילישע, אידישע, פּראָטעסטענט, און מוסלמענע טשאַפּלעינס. מיר קענען אויך אַראַנדזשירן באַזוכן פון קלערדזשי פון אַנדערע רעליגיעס. די Mary French Rockefeller All Faith Chapel געפֿונט זיך אין Memorial Hospital אין צימער M106 (נעבן די הויפּט לאָבי). עס איז כסדר אָפן פאַר מעדיטאַציע און דאַווענען. רעליגיעזע סערוויסעס ווערן אָפּגעהאַלטן יעדע וואָך און אַלע הײליגע טעג.

## אינטערגרעיטיוו מעדיצין

646-449-1010

MSK’s אינטעגרעיטיוו מעדיצין סערוויס שלאגט פאר פילע טעראפיעס צו גיין צוזאמען מיט טראדיציאנאלע מעדיקל קעיר. עטליכע סערוויסעס וועלכע מיר שטעלן צו רעכענען אריין מוזיק טעראפיע, מוח/גוף טעראפיעס, טאנצן און באוועגונג טעראפיע, יאוגע, און טאפן טעראפיע.

If you have questions or concerns, contact your healthcare provider. A member of your care team will answer Monday through Friday from 9 a.m. to 5 p.m. Outside those hours, you can leave a message or talk with another MSK provider. There is always a doctor or nurse on call. If you’re not sure how to reach your healthcare provider, call 212-639-2000.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---

Supportive Services for Stress and Anxiety During Your Pediatric Stem Cell Transplant - Last updated on May 20, 2024
אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center